Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

Mezaḥ, Yehoshuʿa

Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]

.'

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

...יגע בעטריבטע הערץ — איך וועל דאך דורך דעם זאך פארזינדיגען מיינע יאהרען .

זיא האט זיך אזוי לאנג געוואלגערט אין פרעמדע הייזער ; ביז איהרע שכנים האבען זיך פון דער גאנצער מעשה דער וואוסט . האבען זייא צו איהר אזוי געזאגט : דוא נאלסט וויסען אז דיין מאן איז אגרויסער עקשן , ער וועט דיר אנדערש ניט מוחל זיין אונ אין זיין שטוב ניט אריינלאזען ביז דוא וועסט טאהן זיין פערלאנג , אלזא מוסט דוא דאס טאהן , דוא מוזט גיין צו רבי מאיר'ן אונ איהם שפייען אין זיין געזיכט , דוא מוסט וויסען דאס רבי מאיר איז אגוטער פיינער מענש , אגרויסער צדיק אונ האלט זיך קליין , איין איבער גאטירליבער ענו , ער וועט אויף דיר רחמנות האבען אונ ער וועט אויף דיר קיין פאר איבעל נעהמען פאר דעם וואס דוא וועסט איהם שפייען אין געזיכט , קום מיט אונז צו איהם . ער וועט דיר געוויס רעטען פון דיין צרה ;

דיא פרויא האט זיך געלאזט איינרעדען , זיא איז מיט זייא געגאנגען צו רבי מאיר'ן , דען וואס טהוט ניט אמענש פון נויט ? זיא מיט איהרע שכנים זיינען אלע צוזאמען געקומען צוא רבי מאירן אין שטוב .

**י.**

אין יענער צייט איז רבי מאיר געזעסען מיט זיינע תלמידים וויא געוועהנליך אלע מאל אונ האט מיט זייא געלערנט תורה אונ חכמה .

וויא רבי מאיר האט דער זעהען די . פרויא האט ער צו זייא געזאגט , איז ניטא ביי אייך אפרויענצימער וואס קאן אפ-

שפרעכען איין "עין הרע" אויף מיין אויג. מיר מוזען דיא אין אויג, דער צו מוז זיא מיר שפייען אין פנים *)

דיא פרויא מיט אידרע שכנים האבען זיך ניט ווענג געוואונדערט צו הערען זיינע רייד, זייא האבען געוואוסט דאס רבי מאיר איז אזעלכער מאן איין אמת נביא, ווען ניט, פון וואנען וואלט ער וויסען צו וואס (צו וועלכע צוועק) זייא זיינען צוא איהם געקוממען.

דיא שכנים האבען געזאגט צוא דער פרויא; זייא צוא געהענטער צוא איהם, מאך זיך עפעס ריידענדיג וואס דו ווילסט, נור שטילערהייט, קיינער זאל ניט הערען וואס דוא זאגסט, ער וועט מיינען אז דוא שפרעכסט איהם אפ א עין הרע, און שפייא איהם אין פנים, וועסט דוא נאכדעם באלד קאנען זיין אהיים, מיר וועלען זיין עדות (צייגער) אז דוא האסט געפאלגט דיין מאן.

דיא פרויא איז געשטאנען אקורא וויא אלויטענער גולם, זיא האט זיך געשראקען צו שפייען דעם גרויסען חכם אין פנים. זיא האט שטילערהייט געזאגט; וויא איז מיר, מיין הערר. איך קאן ניט אפשפרעכען א עין הרע, איך קאן קיין לינען זאגען.

— דיין פנים זאגט עדות דאס דוא בינסט קראנק — האט רבי מאיר געזאגט צו איהר — קום אהער צו מיר, מיין טאכטער, שפייא מיר אין פנים, וועסט דוא באלד געזונד ווערען, שפייא! איך פערלאנג דאס אונ באפעל דיר דאס דו זאלסט מיר שפייען, שפייא זיבען מאל מיר אין פנים וועסט דוא געהאלפען ווערען.

דיא פרויא האט צו געטרעטען גאהענט צו איהם מיט

---

*) דער מנהג איז וועו איינער שפרעכט אפ אנאנדערען איין "עין הרע" אדער ער פארעט איין אויגען קראנקהייט, לעקט ער אפ מיט זיין צונג יענעם ארט אונ שפייט אויס, אנדערע זיינען זיך נוהג ארויף צו שפייען אויף די אבגעשפראכענע אויג. יהל"ם.

(ר"מ בעל הנס) 2*

גְרוֹים שְׁרֶעק הָאט זִיא גֶעטָאהן אַזוֹיא וִויא רבי מאיר הָאט
אִיהר בַּאפוּילֶען •

— יָעצְט גֵייא צוּ הוֹיזֶע — הָאט רבי מאיר גֶעזָאגְט צוּא
אִיהר — אוּנ זָאג דַיין מַאן ; דוּ הָאסְט מִיר בַּאפוּילֶען צוּ שְׁפֵּייעֶן
אִיהם אִין פָּנִים אֵיין מָאל אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעשְׁפֵּייעֶט
זִיבֶּען מָאל ;

וִויא דִיא פְרוֹיא מִיט דִיא שְׁכֵנִים זֵיינֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען ;
הָאבֶּען רבי מאיר'ס תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט צוּ אִיהם : רַבֵּנוּ ! וִויא אַזוֹי
עֶרְלוֹיבְּסְט דוּ אַפְרֶעמְדֶע פְרוֹיא זָאל דִיר שְׁפֵּייעֶן אִין פָּנִים ? דָאס
אִיז דָאךְ אַשַׁאנְדֶע פַאר דֶער תּוֹרָה • אַלֶע חֲכָמִים וָואס וֶועלֶען
הֶערֶען וָואס דוּא הָאסְט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט מֶען זָאל דִיר טָאהן , וֶועלִין
נִיא דָאךְ פוּן דִיר לַאכֶען •

— צוּ לִיבּ שָׁלוֹם — הָאט רבי מאיר גֶעזָאגְט — דַארְף מֶען
אַלֶעס טָאהן • גָאטְט הָאט צוּ לִיבּ שָׁלוֹם צוּ וִוישֶׁען מַאן אוּנ ווייבּ
גֶעהֵייסֶען (בַּאפוּילֶען) מֶען זָאל זַיין נָאמֶען אָבְּמֶעקֶען אִין דִיא
„בִּיטֶערֶע וַואסֶער״ דָאס הֵייסְט וֶוען אַמַאן הָאט חוֹשֵׁד גֶעוֶוען זַיין
פְרוֹיא דָאס זִיא אִיז אִיהם אוּנְטְרַייא • • • פַאלְשׁ , פְלֶעגְט דֶער
כֹּהֵן אוֹיפְשְׁרַייבֶּען גָאטְטֶעס נָאמֶען אוּנ אָבְּמֶעקֶען אִין דָאס וַואסֶער
אַזוֹי וִויא דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁרַייבְּט , דַארְפֶען מִיר זִינְדִיגֶע מֶענְשֶׁען
גֶעווִיס נִיט שְׁטָאלְץ זַיין • מִיר דַארְפֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבֶּען צוּא טָאהן
אַקְלֵיינִיגְקַייט וִויא אַשְׁפֵּייא אִין פָּנִים , אַבִּי צוּ לִיבּ דֶעם וֶועט זַיין
צוּ וִוישֶׁען מַאן אוּנ פְרוֹיא שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה •

## י״א •

(דִי נֵייבְּם אַשְׁוֶועסְטֶער)
רבי מאיר הָאט גֶעהַאט אַשְׁוֶועגֶערִין
זֵייעֶר אַשֵׁיינֶע מֶעדְכֶען , דִיא רוֹימֶער הָאבֶּען אִיהר גֶעפַאנְגֶען
גֶענוּמֶען אוּנ אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אִין רוֹים , זֵייא הָאבֶּען אִיהר
איינגעשפארט
(ר״ם בעל הנס)